בהעלותך תשפ"ה
גליון 241

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייִערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן

מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִיצְט אִין פַּרְשַׁת "בְּהַעֲלוֹתְךָ אֶת הַנֵּרוֹת". אִין דִי פַּרְשָׁה בַּאפֶעלְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וִויאַזוֹי צוּ מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן מַאכְן דִי מְנוֹרָה "מִקְשָׁה זָהָב". מִקְשָׁה אִיז טַייטְשׁ: "אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט פוּן אֵיין שְׁטִיק". דִי מְנוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט פוּן שְׁטִיקְלֶעךְ נָאר פוּן אֵיין שְׁטִיק גָאלְד, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעהַאקְט מִיט אַ הַאמֶער.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז נִצְחִיּוּת, עֶס אִיז שַׁיָּיךְ פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן זְמַן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דִי מְנוֹרָה אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַן עֵדוּת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק, עֶר בַּארִימְט זִיךְ מִיט זֵיי גָאר שְׁטַארְק. דִי מְנוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט מִיט שֵׁיינֶע בֶּעכֶערְלֶעךְ אוּן קְנֶעפְּלֶעךְ אוּן בְּלוּמֶעלֶעךְ א.ד.ג. דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אַלֶע סָארְטְן הִתְפָּאֲרוּת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן.

דָאס וַוייזְט אוּנְז דִי מְנוֹרָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען מִקְשָׁה. ר' נָתָן טַייטְשׁ אַז "מִקְשָׁה" אִיז פוּן לָשׁוֹן "עַקְשָׁנוּת", מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת ה' אִין יֶעדֶע מִצְוָה אוּן גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט דַארְף מֶען דָאס מַאכְן מִיט עַקְשָׁנוּת.

אַ אִינְגֶל וָואס הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מַאכְן אַ דָּבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: בֶּענְטְשְׁן נָאר פוּן אִינֶעוֵויינִיג, הִיטְן דָאס מוֹיל, נִישְׁט רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מֶער כָּבוֹד גֶעבְּן פַאר טַאטֶע מַאמֶע, דַארְף עֶר עֶס אָנְהַאלְטְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע עַקְשָׁנוּת אוּן דֶער עִיקָר אִיז טַאקֶע מִיט עַקְשָׁנוּת בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן מִיט דִי קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, דֶעמָאלְט וֶועט נִתְגַּלֶּה וֶוערְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְפָּאֲרוּת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט דֶעם קִינְד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת ה', נִישְׁט נָאכְלָאזְן דִי פְּלַאץ וִוי מֶען אִיז, דָאס מֵיינְט דָאס בִּיסְל עֲבוֹדַת ה' וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף דִיר מְנִיעוֹת אוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת א.ד.ג." דֶער רֶבִּי זָאגְט: "גֶעדֶענְק דָאס גוּט! וַוייל וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן אַבִּיסְל דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועסְטוּ דָאס דַארְף גֶעדֶענְקֶען אוּן זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט דִי עֵצָה."

ר' נָתָן שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו: עֶטְס דַארְפְסְט זַיין גְרוֹיסֶע עַקְשָׁנִים מִיט דָאס בִּיסְל עֲבוֹדָה וָואס עֶנְק טוּעֶן, אוֹיךְ אִין רָצוֹן דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זַיין אַן עַקְשָׁן צוּ וֶועלְן אוּן הָאבְּן הִשְׁתּוֹקְקוּת צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וַוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס קֶען אוֹיף אִים אַרִיבֶּער גֵיין, דֶערְפַאר דַארְף עֶר דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען.

אִין לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת זֶעט מֶען וִוי ר' נָתָן בֶּעט זִיךְ בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת ה', אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּמִישְׁט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט וָואס זָאל מִיר אַרָאפְּוַוארְפְן אָדֶער מְרַחֵק זַיין פוּן דִיר, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין. אֲפִילוּ עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וָואס עֶס זָאל נָאר אַרִיבֶּערְגֵיין זָאל אִיךְ זַיין

שְׁטַארק נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס מוּטְשֶׁען און ווִילְן מִיר שְׁוַואךְ מַאכְן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין חָלִילָה אַ פַארְלוֹירֶענֶער..

הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל זִיךְ הַאלְטְן אִין דִיר אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט וָואס אִיךְ אִיךְ קֶען נָאר, מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין מִיר. אִיךְ זָאל זִיךְ יֶעדְן טָאג אִין יֶעדֶע צַייט פְרֵייעֶן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, און אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גוֹי, שְׁטֶענְדִיג זָאל אִיךְ זוּכְן אִין מִיר נְקוּדוֹת טוֹבוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְווֹת וָואס יֶעדֶער אִיד פַארְמָאגְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאל שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן פַאר דִי אוֹיגְן דִי הִתְפָּאֲרוּת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן אוּנְז, דָאס וֶועט טַאקֶע גוֹרֵם זַיין אַז לְמַעְלָה וֶועט זִיךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימֶען און זָאגְן: "קוּק וָואסֶערֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער אִיךְ הָאבּ דָא אוּנְטְן, דִי נַחַת רוּחַ און שַׁעֲשׁוּעִים וָואס זֵיי מַאכְן מִיר." בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ זֶען דִי אַלֶע כְּלֵי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה אִין אִיר פְּרַאכְט און לִיכְטִיגְקֵייט מִיט אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און אַלֶע צַדִּיקִים אִין הֵיילִיגְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.



# וֶוער שָׁאקְלְט דֶעם גְלָאק אִינְמִיטְן נַאכְט?!

דֶער פְּרִיץ פוּן קִיבְלִיטְשׁ, הָאט זֵייעֶר אַרוֹיפְגֶעקוּקְט און לִיבּ גֶעהַאט דֶער פְרֵייליכֶער בְּרֶעסְלֶבֶ'ער חָסִיד ר' אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשְׁער ע"ה, דֶער שְׁוֶוער פוּן ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער ז"ל. דֶער פְּרִיץ פְלֶעגְט טֵיילְן וֵוייץ פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט פוּן שְׁטָאט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶעם פֶּעקְל פַאר ר' אַהֲרֹן עֶר זָאל עֶס טֵיילְן פַאר דִי אִידִישֶׁע אָרֶעמֶעלַייט פוּן שְׁטָאט, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט זִיךְ דֶער פְּרִיץ גֶערֶעכְנְט מִיט ר' אַהֲרֹנ'ס מֵיינוּנְג אִין אַלֶע זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ אָרֶעמֶער אִיד מִיט אַ קִינְדֶ־עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבּ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעצָאלְט דִי דִירָה גֶעלְט פַאר'ן פְּרִיץ. דִי שְׁלִיחִים פוּנֶעם פָּרִיץ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים, און אִים אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן פוּן שְׁטוּבּ אִינְמִיטְן פְרָאסְטִיגְן ווִינְטֶער, וָואס מֶען הָאט נָאר פְּרוּבִּירְט צוּ שְׁתַּדְּלָ'ן בַּיים פְּרִיץ עֶר זָאל וֵוייךְ מַאכְן זַיין שְׁטֵייפֶע הַארְץ און רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דֶעם אָרֶעמֶער אִיד, הָאט מֶען בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶע־קֶענְט פוּעֶלְן בַּיי אִים צוּ פַארְגֶעבְּן דֶעם אִיד, עֶר זָאל קֶענֶען צוּרִיק אַהֵיים גֵיין.

אֵיין טָאג אִיז גֶעשֶׁען דֶער נֵס, וֶוען אִין קְלוֹיסְטֶער פוּנֶעם פָּרִיץ אִיז גֶעוָוארְן אַ גֶערוּדֶער אִינְמִיטְן נַאכְט, דִי גְלָאקְן פוּן דֶער קְלוֹיסְטֶער הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען שָׁאקְלֶען פוּן זִיךְ אַלֵיינְס... און הָאט גֶעמַאכְט אַ גֶערוּדֶער אִינֶעם גַאנְצְן שְׁטָאט, דָאס הָאט זִיךְ אַזוֹי אָפְּגֶעשְׁפִּילְט פַאר עֶטְלִיכֶע נֶעכְט.

אַ דֶערְשְׁרָאקֶענֶער אִיז דֶער פְּרִיץ גֶעקוּמֶען צוּ ר' אַהֲרֹן און גֶעפְרֶעגְט מִיט פַּחַד וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי גְלֶעקֶערַייעָן אִינְמִיטְן נַאכְט אָנְדֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל דָאס צוּרִירְן, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַן אִינְטֶערֶעסַאנְ־טֶע פַּאסִירוּנְג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט ווּאוּנְדֶער צוּ ר' אַהֲרֹן.

"עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט קֵיין ווּאוּנְדֶער", הָאט אִים ר' אַהֲרֹן מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "דָאס גֶעשֶׁעט ווַייל דַיין טַאטֶע אִיז בְּרֹגֶז אוֹיף דִיר, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין מְנוּחָה אִין עוֹלָם הָאֱמֶת..."

פְרֶעגְט דֶער פְּרִיץ: "וָואס מֵיינְסְטוּ צוּ זָאגְן? וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער? מַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט קֵיין מְנוּחָה אִין עוֹלָם הָאֱמֶת וֶועגְן מִיר?!"

"יָא, דַיין טַאטֶע דָארְט הָאט נִישְׁט קֵיין מְנוּחָה וֶועגְן אַ עַוְלָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן." הָאט אִים ר' אַהֲרֹן גֶעגֶעבְּן צוּ הֶערְן.

דֶער פְּרִיץ מִיט אֵימַת מָוֶת פְרֶעגְט: "אִיךְ הָאבּ מוֹרָא,

וֶועלְכֶע עֲוֹלָה הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן?".

דִי עֲוֹלָה אַז דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן דֶעם אִיד פוּן זַיין שְׁטוּבּ אִין אַ פְרָאסְטֶע נַאכְט אוּן גֶעלָאזְט אוֹיף דֶער אַייזִיגֶער גַאס אִים מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, דוּ דַארְפְסְט דָאס שׁוֹין פַארְרֶעכְטְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַז דַיין פָאטֶער אִין קֶבֶר זָאל מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין קְפֵּידוֹת אוֹיף דִיר! הָאט אִים ר' אַהֲרֹן גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דִי רֵייד זֶענֶען אַרַיין אִינֶעם פָּרִיצְ'ס הַארְץ, גְלַייךְ הָאט עֶר צוּרִיקְגֶערוּפְן דֶעם אָרֶעמַאן עֶר זָאל פְרֵיי צוּרִיקְגֵיין אִין שְׁטוּבּ, אוּן הָאט אִים פַארְגִיטִיגְט אִיבֶּערְצוּבּוֹיעֶן זַיין שְׁטוּבּ פוּנְדָאסְנֵיי, כְּדֵי דֶער אִיד זָאל הָאבְּן מֶער הָרְחָבָה אוּן נִישְׁט וואוֹינֶען מִיט אַזַא אָרֶעמְקַייט ווִי בִּיז הַיינְט. צוּדֶערְצוּ הָאט דֶער פָּרִיץ אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם אִיד אַסַאךְ גֶעלְט אוּן אִים וַוייטֶער גֶעשְׁפַּייזְט מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט.

ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט פַארְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט דֶעם אִיד וָואס מִיט אִים הָאט דָאס פַּאסִירְט. (שיש"ק)

צוּלִיבּ דָאס גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעהַאט צוּ ר' אַהֲרֹן, הָאט אִים דֶער פָּרִיץ גֶעשָׁאנְקְן אַן אִיטַאלִיעֶנִישֶׁער קוּ, וָואס הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן גָאר אַסַאךְ מִילְךְ. אַזוֹי הָאט ר' אַהֲרֹן - וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן גֶעהַאט אַ לֶעזוּנְג צוּ דִי גְרוֹיסֶע עֶנְגְשַׁאפְט וָואס הָאט גֶעהֶערְשְׁט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, אוּן זִיךְ גֶעקֶענְט בְּרֵייט שְׁפַּייזְן אוּן גֶעהַאט פַּרְנָסָה בְּרֶוַח פוּן אֶט דֶעם קוּ.

בִּיז וֶוען אֵיין טָאג קוּמְט ר' אַהֲרֹן אַהֵיים, אוּן דָאס גַאנְצֶע גֶעזוּנְדְל לוֹיפְט אִים אַנְטְקֶעגְן מִיט אַ וֵויי גֶעשְׁרֵיי. "וָואס אִיז גֶעשֶׁען פְרֶעגְט ר' אַהֲרֹן מִיט נַייגֶער?!" דִי קִינְדֶער עֶנְטְפֶערְן מִיט גְרוֹיס צַעַר: "דִי טַייעֶרֶע קוּ הָאט זִיךְ פַארְהַאנְקֶערְט אִין אַ שְׁטְרִיק, אוּן אִיז מֶער נִישְׁט צְווִישְׁן דִי לֶעבֶּעדִיגֶע!". ווִי נָאר ר' אַהֲרֹן הָאט עֶס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִי־נְגֶען פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "פוּן הִימְל הָאט מֶען עֶס אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט, אַנְשְׁטָאט אֵיינֶער פוּן דִי בְּנֵי בֵּית זָאל חַס וְשָׁלוֹם שְׁטַארְ־בְּן אִיז דִי קוּ גֶעשְׁטָארְבְּן!!! " אַזוֹי הָאט עֶר דָאס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶרְט עֶטְלִיכֶע מָאל מִיט גְרוֹיס בִּטָחוֹן אוּן פְרֵייד.

ר' לֵוִי יִצְחָק זַ"ל דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען זַיין שְׁוֶוער ר' אַהֲרֹן פְלֶעגְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, הָאט עֶר גֶעמַאכְט דִי שְׁטוּבּ פְרֵיילִיךְ, כָאטְשׁ עֶר הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן – גֶעוֶוען אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ אַן אָרִימַאן! נָאר עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי שְׁטוּבּ פְרֵיילִיךְ, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן שִׂמְחָה'דִיג וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען. עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ טַאנְץ אוּן אַ שְׁפְּרוּנְג אוּן אַ גֶעלֶעכְטֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד הָאט עֶר מְשַׂמֵּחַ גֶעוֶוען דִי שְׁטוּבּ, אַלֶע קִינְדֶער מְשַׂמֵּחַ גֶעוֶוען!

המשך פון זייט 8

# אַ בַּארוֹיבְּטֶע הַתְמָדָה

דָאךְ גֶעהַאט אַ צְוֵויי גוּטֶע שָׁעָה צוּ חֲזֶרְ'ן, עֶר טְרַאכְט אוּן כַאפְּט שׁוֹין: 'הָא, דֶער יֵצֶר הָרָע גִיבְּט מִיר אַזַא גֶעפִיל ווִי אִיךְ וָואלְט גֶעלֶערְנְט אָבֶּער בֶּאֱמֶת גֶעלוּנְגְט אִים צוּ 'גַזְלֶ'ען' אַסַאךְ גְזֵלוֹת פוּן פוּסְטֶע שְׁמוּעֶסְעַרַייעֶן", אַ גֶעפֶּעפֶּערְטֶער גַזְלָן!'

צוּמָארְגְנְס זָאגְט יָאסְל פַאר שְׁמִילִי: "לָאמִיר וֶוערְן גַזְלָנִים, פּוּנְקְט ווִי דֶער יֵצֶר גַזְלְט אָפּ אוּנְזֶער לֵיידִיגֶע צַייט, וֶועלְן מִיר גַזְלֶ'עֶנֶען פוּן אִים, הַיינְט וֶועלְן מִיר דֶעם עֶרְשְׁטְן הַאלְבֶּע שָׁעָה גַזְלָ'ן מִיט אַ תַּעֲנִית דִּבּוּר, נָאכְדֶעם וֶועלְן מִיר וַוייטֶער פְּלַאנִירְן ווִי צוּ גַזְלָ'ן נָאךְ שְׁטִיקֶער פוּן אִים. מִיר וֶועלְן זִיךְ בַּאנִיצְן מִיט זַיינֶע כֵּלִים אוּן רוֹיבְּן פוּן אִים צַייט פַאר נָאךְ גוּטֶע זַאכְן". זֵיי לֶערְנֶען מִיט אַ גֶע'גַזְלְ'טֶע הַתְמָדָה, נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט קוּקְן זֵיי מִיט ווָאוּנְדֶער אוֹיפְן זֵייגֶער, שׁוֹין אַרִיבֶּער מֶער פוּן אַ שָׁעָה...

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט: " צָרִיךְ הָאָדָם לַחְטֹף 'וְלִגְזֹל' עִתִּים לַתּוֹרָה מִתּוֹךְ הַטִּרְדָּה וְהָעֵסֶק - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף כַאפְּן אוּן 'גַזְלָ'ן' צַייט צוּ תּוֹרָה אִינְמִיטְן דִי טְרָדוֹת אוּן גֶעשֶׁעפְטְן" (ליקו"מ רפד)

# לעובדא ולמעשה

ר׳ מֶענְדֶעלֶע לִיטְוַואק - עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי לִיטְוִויקֶעס הָאט לֹא-עָלֵינוּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן מָאהָלוּב - אַ רוּסִישֶׁע שְׁטָאט, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט פוּן דִי צַייטְן פוּן דֶעם "צֶמַח צֶדֶק". זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן - גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעוָוארְן אוּנְזֶערֶע חֲסִידִים: ר׳ מֶענְדֶעלֶע, ר׳ בָּרוּךְ אֶפְרַיִם - דֶער בַּעַל "בְּאִבֵּי הַנַּחַל".

אֵיינֶער פוּן דִי לוֹמְדִים זֶענֶען גֶעוֶוען אַ חוֹזֵר בַּיים צֶמַח צֶדֶק. אִין אַ טָאג הָאט אֵיינֶער צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ ר׳ מֶענְדֶעלֶען דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - אוּן גֶעוִויזְן אַ תּוֹרָה וואוּ דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַזוֹי: "דֶע - זָאלְסְט וִויסְן, עֶס אִיז דָא אַ בּוֹים וָואס וַואקְסְט הוּנְדֶערְט יָאר אוּן דֶערְנָאךְ שִׁיסְט עֶס אוֹיס!" דֶער יְעֶנִיגֶער וָואס הָאט עֶס גֶעוִויזְן פַאר ר׳ מֶענְדֶעלֶע הָאט זִיךְ צֶעלַאכְט, 'אֵיינֶער אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ סֵפֶר אוּן עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע מַעֲשֶׂה'ס, אַ בּוֹים, הוּנְדֶערְט יָאר - אַזוֹי שְׁרַייבְּט עֶר אַרַיין אִין אַ סֵפֶר?' עֶר הָאט עֶס אוֹיס גֶעלַאכְט.

הָאט זִיךְ ר׳ מֶענְדֶעלֶע אָנְגֶערוּפְן: "לָאז מִיר זֶען וָואס שְׁטֵייט פְּרִיעֶר". עֶר זֶעט דָארְטְן אִין דִי תּוֹרָה דִי וֶוערְטֶער: "מֶען דַארְף זַיין אַן עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם!" - דִי בַּאוואוּסְטֶע תּוֹרָה מ"ח, אוּן צוּם סוֹף פוּן דִי תּוֹרָה מ"ח פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס: אַז עֶס אִיז פַארְהַאן אַ בּוֹים וָואס יֶעדֶע בְּלֶעטְל וַואקְסְט הוּנְדֶערְט יָאר - מֶען רוּפְט דֶעם בּוֹים מִיטְן נָאמֶען 'מֵאָה שָׁנָה', מִן הַסְּתָם אַז עֶס נֶעמְט הוּנְדֶערְט יָאר צוּ וַואקְסְן גֵייט דָאךְ אוֹיף דֶעם בּוֹים אַסַאךְ אִיבֶּער אַלֶע סָארְט אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, אָבֶּער נָאךְ דִי הוּנְדֶערְט יָאר שִׁיסְט עֶס אוֹיס אַזוֹי וִוי פוֹלְגְוֶוער פוּן אַ רֶעוָואלְוֶוער א.ד.ג.! דֶער רֶבִּי מֵיינְט דָארְט צוּ זָאגְן אִינֶעם נִמְשָׁל אַז וֶוען שִׁיסְט עֶס אוֹיס? נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ! הָאט ר׳ מֶענְדֶעלֶע גֶעזֶען דִי שְׁטִיקֶעלֶע תּוֹרָה פְרִיעֶר - אִיז עֶר גֶעוָוארְן מְקוֹרָב דוּרְךְ דֶער דִּבּוּר פוּן תּוֹרָה מ"ח.

דֶער יְעֶנִיגֶער הָאט אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט - אָבֶּער ר׳ מֶענְדֶעלֶע הָאט אִיבֶּערְגֶעמִישְׁט דֶעם בְּלֶעטְל צוּרִיק: 'לָאז מִיר זֶען וָואס שְׁטֵייט פְּרִיעֶר', אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן מְקוֹרָב דוּרְךְ דֶעם. נָאכְדֶעם אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן ר׳ בָּרוּךְ אֶפְרַיִם, אִיז ר׳ מֶענְדֶעלֶע מְקוֹרָב גֶעוָוארְן דֶערְפוּן וָואס עֶר הָאט דֶערְזֶען עֶפֶּעס אַן אֱמֶת וָואס לִיגְט דָארְט. עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעם צֶמַח צֶדֶק'ס אַ חָסִיד - אַ קְלֵיינִיקֵייט?! אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים גֶעוֶוען ר׳ בָּרוּךְ אֶפְרַיִם - עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶעם "בְּאִבֵּי הַנַּחַל". אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן. אֵיינֶעם הָאבּ אִיךְ נָאךְ פַארְכַאפְּט : ר׳ שִׁמְעוֹן - עֶר הָאט מַאֲרִיךְ יָמִים גֶעוֶוען .

אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי הִתְבּוֹדְדוּת פוּן ר׳ מֶענְדֶעלֶע, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט לֹא-עָלֵינוּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אָרֶעמַאן. הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ! 'דֶער' הָאט קִינְדֶער, אוּן 'דֶער' הָאט גֶעלְט , אִיךְ הָאבּ - נִישְׁט 'דָאס', אוּן נִישְׁט 'דָאס' - אֵיין אִשָּׁה יִרְאַת הַשֵּׁם וִויל מֶען בַּיי מִיר אוֹיךְ צוּנֶעמֶען?! דֶער' יִרְאַת הַשֵּׁם' וִויל מֶען בַּיי מִיר אוֹיךְ צוּנֶעמֶען?!

אַזוֹי וִוי דֶער אָרֶעמַאן אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער בֶּערְגֶער אוּן אָרֶעמַאן - הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן! גֶעלְט הָאט עֶר נִישְׁט, קִינְדֶער הָאט עֶר נִישְׁט, נוּ, וִויל מֶען בַּיי אִים דִי אִשָּׁה אוֹיךְ צוּנֶעמֶען?! דִי אִשָּׁה יִרְאַת הַשֵּׁם וִויל מֶען בַּיי מִיר אוֹיךְ צוּנֶעמֶען?!

הָאט עֶר גֶעהַאט אַזַא סָארְט הִתְבּוֹדְדוּת אִין אוּמַאנֶער קְלוֹיז! - גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶערֶעדְט אַזֶעלְכֶע רֵיינֶע אֱמֶת'ע דִיבּוּרִים צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן .

# מעשה ב' - דער מלך און דער קייסער 4

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם. דִי בַּת קֵיסָר מִיט דִי עֶלֶעף פַּאנִיס. אוּן פְּלֶעגִין דָארְט שְׁפִּילִין אוֹיף כְּלֵי זֶמֶר. אוּן הָאבְּן בַּאגֶעגְנְט אַ פַּאלִיץ.

הָאבִּין דִי פַּאנִיס צוּ אִיר גִיזָאגְט לָאמִיר צוּ גֵיין צוּ דֶעם פַּאלִיץ הָאט זִי נִיט גִיוָואלְט. זִי הָאט גִיזָאגְט זִי הָאט דְרוֹיף אוֹיף חֲרָטָה. וָואס זִי אִיז צוּ יֶענֶעם פַּאלִיץ צוּ גִיגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַ"ל).

דֶער נָאךְ הָאבִּין זֵיי דֶער זֶעהְן אַזוֹי וִוי אֵיין קֶענְפִּי אוֹיף דֶעם יַם. זֶענֶען זֵיי צוּ גִיגַאנְגֶען אַהִין. אִיז דָארְט גִיוֶוען צְוֶועלֶעף גַזְלָנִים הָאבִּין דִי גַזְלָנִים גִיוָואלְט זֵיי הַארְגִינֶען. הָאט זִי גִיפְרֶעגְט. וֶוער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צְוִוישְׁן אַייךְ.

הָאט מֶען אִיר גְוִויזְן. הָאט זִי צוּ אִים גִיזָאגְט. וָואס אִיז אַייעֶר טָאן הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט זֵיי זֶענֶען גַזְלָנִים. הָאט זִי צוּ אִים גִיזָאגְט מִיר זֶענֶען אוֹיךְ גַזְלָנִים נָאר אִיר זֶענְט גַזְלָנִים מִיט אַייעֶר גְבוּרָה אוּן מִיר זֶענֶען גַזְלָנִים מִיט חָכְמָה וָוארִין מִיר זֶענֶען גִילֶערְנְט אִין לְשׁוֹנוֹת אוּן שְׁפִּילִין אוֹיף כְּלֵי שִׁיר.

בְּכֵן וָואס וֶועט אִיר גִיוִוינֶען אַז אִיר וֶועט אוּנְז הַארְגֶענֶען בֶּעסֶער נֶעמְט אוּנְז פַאר וַוייבֶּער. אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן אַ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת אוֹיךְ אוּן הָאט זֵיי גִיוִויזְן וָואס אִין שִׁיף אִיז גִיוֶוען (וָוארִין דִי שִׁיף אִיז דוּךְ גִיוֶוען פוּן דֶעם בֶּן הַסוֹחֵר מִיט זַייעֶר גְרוֹיס עֲשִׁירוּת)

זֶענֶען דִי גַזְלָנִים מְרוּצֶה גִיוָוארִין צוּ אִירֶע רֵייד. הָאבִּין זֵיי דִי גַזְלָנִים אוֹיךְ גִיוִויזְן זֵייעֶר עֲשִׁירוּת אוּן הָאבִּין זֵיי אוֹיס גִיפִירְט אִין אַלֶע זֵייעֶרֶע עֶרְטֶער.

אוּן עֶס אִיז גִיבְּלִיבְּן צְוִוישְׁן זֵיי. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ נִיט נֶעמֶען אַלֶע מִיט אֵיין מָאל. נָאר אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערִין. אוּן אַז מֶען זָאל אוֹיס קְלוֹיבְּן אִיטְלִיכְן אֵיין פּאנִי אַזוֹי וִוי עֶס קֶער צוּ אִים אִיטְלִיכְן נָאךְ זַיין גְרוֹיסְקֵייט נָאךְ.

נָאכְדֶעם הָאט זִי צוּ זֵיי גִיזָאגְט אַז זִי וֶועט זֵיי מְכַבֵּד זַיין מִיט זֵייעֶר גוּטִין וַויין וָואס זִי הָאט אִין דֶער שִׁיף וָואס זִי נִיצְט גָאר דֶעם וַויין נִיט. נָאר דֶער וַויין אִיז בַּיי אִיר בַּאהַאלְטִין. בִּיז גָאט וֶועט אִיר בַּאשֶׁערִין אִיר זִיווּג.

הָאט זִי זֵיי גִיגֶעבְּן דֶעם וַויין אִין צְוֶועלֶעף בֶּעכֶערְס. אוּן הָאט גִיהֵייסְן. אַז אִיטְלִיכֶער זָאל טְרִינְקֶען צוּ אַלֶע צְוֶועלֶעף. הָאבְּן זֵיי גִיטְרוּנְקֶען אוּן זֶענֶען שִׁיכּוֹר גִיוָוארִין. אוּן זֶענֶען אַנִידֶער גִיפַאלִין.

הָאט זִי זִיךְ אָן גִירוּפִין צוּ דִי אִיבְּרִיקֶע פַּאנִיס הַיינְט גֵייט אוּן קוֹילִיט אִטְלִיכֶע אִיר מַאן. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין זֵיי אַלֶע אוֹיס גִיקוֹילִיט. אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גִיפוּנֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת וָואס עֶס גִיפִינְט זִיךְ נִיט בַּיי קֵיין שׁוּם מֶלֶךְ.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַשֵּׁב גִיוֶוען. אַז זֵיי זָאלִין נִיט נֶעמֶען קֵיין קוּפֶּער אוּן קֵיין זִילְבֶּער נָאר גָאלְד אוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אוּן הָאבִּין אַרָאפּ גִיוָוארְפִין

פוּן דֶער שִׁיף זַאכִין וָואס זֶענֶען נִיט אַזוֹי חָשׁוּב.

אוּן הָאבִּין אָן גִילָאדִין גָאר דִי שִׁיף מִיט טַייעֶרֶע זַאכִין מִיט גָאלְד אוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיפוּנֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. זֵיי זָאלִין שׁוֹין נִיט גֵיין אָן גִיטָאן וִוי וַוייבֶּער אוּן הָאבִּין זִיךְ גִינֵייט מַאנְצְבִּילְשֶׁע קְלֵיידֶער דַייטְשׁ אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶער שִׁיף.

וַיְהִי הַיּוֹם אוּן עֶס אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ בֶּן יָחִיד. אוּן עֶר הָאט אִים חַתוּנָה גִימַאכְט. אוּן הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין דִי מְלוּכָה. אַמָאל הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּם פָּאטֶער. עֶר וִויל גֵיין זִיךְ שְׁפַּאצִירִין מִיט זַיין וַוייבּ אוֹיף דֶעם יַם. כְּדֵי זִי זָאל גִיוואוֹינְט וֶוערִין מִיט דֶעם אַוִיר פוּן דֶעם יַם. טָאמֶער מוּז מֶען אַמָאל אַנְטְלוֹיפִין אוֹיף דֶעם יַם. (דְרִיבֶּער הָאט עֶר גִיוָואלְט אַז זִי זָאל גִיוואוֹינְט וֶוערִין מִיט דֶעם אַוִיר פוּן דֶעם יַם)

אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִיגַאנְגֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּן מִיט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן הָאבִּין זִיךְ גִילָאזְט אוֹיף אַ שִׁיף אוּן זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען אוּן הָאבִּין דָארְט זֵייעֶר גִישְׁטִיפְט. דֶער נָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט זֵיי זָאלִין אַלֶע אוֹיס טוּן זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער. הָאבִּין זֵיי אַזוֹי גִיטָאן. אוּן עֶס אִיז אוֹיף זֵיי מֶער נִיט גִיבְּלִיבֶּען נָאר דָאס הֶעמְד.

אוּן הָאבִּין זִיךְ גִיפְּרוּבְט אִיטְלִיכֶער וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיף חַאפִּין אוֹיף דֶעם זֶעגִיל בּוֹים. הָאט זִיךְ דֶער בֶּן מֶלֶךְ אַרוֹיף גִירִיסְין אוֹיף דֶעם זֶעגִיל בּוֹים. דֶער וַוייל אִיז דִי בַּת קֵיסֶר הַנַּ״ל אָן גִיקוּמֶען מִיט אִיר שִׁיף אוּן זִי הָאט גִיזֶעהְן דִי שִׁיף (פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ מִיט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה)

הָאט זִי אִין דֶער תְּחִילָה מוֹרָא גִיהַאט צוּ צוּגֵיין. דֶער נָאךְ אִיז זִי גִיקוּמֶען נָאעֶנְט אַבִּיסְל הָאט זִי גִיזֶעהְן אַז זֵיי שְׁטִיפִּין זֵייעֶר הָאט זִי פַאר שְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין גַזְלָנִים. הָאט זִי אָן גִיהוֹיבִּין צוּ צוּ גֵיין נֶענְטֶער. הָאט זִיךְ אָן גִירוּפִין דִי בַּת קֵיסֶר צוּ אִירֶע מֶענְשִׁין אִיךְ קֶען אַרָאפּ וַוארְפִין דֶעם פְּלִיחַ אִין יַם אַרַיין (דְהַיינוּ דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִירִיסְן אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם זֶעגִיל בּוֹים)

וָוארִין דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ פְּלִיחַ אוֹיף דֶעם קָאפּ. הָאבִּין זֵיי צוּ אִיר גִיזָאגְט וִוי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן זֵיי. הָאט זִי זֵיי גִיעֶנְפֶערְט זִי הָאט אַ בְּרֶען בְּרִיל אוּן דוֹרְךְ דֶעם וֶועט זִי אִים אַרָאפּ וַוארְפִין.

אוּן זִי הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען זִי וֶועט אִים נִיט אַרָאפּ וַוארְפִין בִּיז עֶר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען (הֶעט אַרוֹיף) אוֹיף דֶעם שְׁפִּיץ פוּן דֶעם זֶעגִיל בּוֹים. וָוארִין כָּל זְמַן עֶר אִיז אִין מִיטִין. אַז עֶר וֶועט פַאלִין וֶועט עֶר פַאלִין אִין דֶעם שִׁיף אַרַיין. אָבֶּער אַז עֶר וֶועט אַרוֹיף אַז עֶר וֶועט פַאלִין וֶועט עֶר פַאלִין אִין יַם אַרַיין.

הָאט זִי גִיוַוארְט בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶעם שְׁפִּיץ זֶעגִיל בּוֹים. הָאט זִי גִינוּמֶען דִי בְּרֶען בְּרִיל אוּן הָאט זִי גִיהַאלְטְן אַקֶעגִין זַיין מוֹחַ בִּיז עֶס הָאט אִים גִיבְּרִיט אִין מוֹחַ. אִיז עֶר אַרָאפּ גִיפַאלְן אִין יַם אַרַיין.

:pe ___________

# לאמיר זיך פארהערן



## מעשה ב׳ פון דער מלך און דער קייסער (4)

**א. וויפיל גזלנים האבן די בת קייסער און די פאנעס געטראפן אויפ'ן ים?**

- ❑ צוועלעף
- ❑ צען
- ❑ עלעף

**ב. וואס האט די בת קייסער געזאגט פאר די גזלנים?**

- ❑ ענק זענען גזלנים מיט גבורה
- ❑ אונז זענען גזלנים מיט חכמה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וואס האבן זיי געטון נאכדעם וואס די גזלנים זענען געווארן שיכור און איינגעשלאפן?**

- ❑ זיי זענען אנטלאפן מיט די שיף
- ❑ זיי האבן זיי אלע אויסגעקוילט
- ❑ זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו טון

**ד. וועלכע בגדים האבן זיי נאכדעם אנגעטון?**

- ❑ קליידער פון צרפת
- ❑ קעניגליכע קליידער
- ❑ מאנסבילשע קליידער דייטש

**ה. אינמיטן די מעשה דערציילט דער רבי אויף א מלך וויפיל קינדער האט דער מלך געהאט?**

- ❑ א בן יחיד
- ❑ זעקס זון
- ❑ ער האט בכלל נישט געהאט קיין קינדער

**ו. וואס האט דער מלך געטון פאר זיין זון?**

- ❑ ער האט אים קודם אפגעגעבן די מלוכה און נאכדעם אים חתונה געמאכט
- ❑ ער האט אים קודם חתונה געמאכט און נאכדעם אפגעגעבן די מלוכה
- ❑ ער האט אים נאר איבערגעגעבן די מלוכה

**ז. וואס איז די סיבה וואס דער בן מלך האט געזאגט - אז וועגן דעם, וויל ער גיין אויפ'ן ים**

- ❑ כדי זי זאל זיין געוואוינט צו דער לופט פון דער ים
- ❑ ווייל אפשר וועט מען אמאל דארפן אנטלויפן אין ים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וועלכע האר האט דער בן מלך געהאט אויפ'ן קאפ?**

- ❑ שווארצע
- ❑ ווייסע
- ❑ ער האט געהאט א פליח

**ט. וויאזוי האט די בת קייסער אריינגעווארפן דעם בן מלך אין ים?**

- ❑ דורך כישוף
- ❑ זי האט אויף אים געווארפן א שטיין
- ❑ דורך א ברען בריל

**י. ווען האט זי געמאכט ער זאל אריינפאלן אין ים?**

- ❑ גלייך ווען ער האט אנגעהויבן ארויף גיין אויף די זעגל בוים
- ❑ ווען ער איז געווען אינמיטן זעגל בוים
- ❑ ווען ער איז שוין געווען אויפ'ן שפיץ זעגל בוים

**יא. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

ווער איז געווען א גרעסערער עושר, די בת קייסער אדער דער מלך וואס האט געבויט פאלאצן אויפן ים ?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

#### טרעף די חילוקים

וואס האט די בת קייסער געזאגט פאר דעם בן הסוחר? עֶר זָאל אִיר צוּ זָאגְין אַז עֶר זָאל זִי נִיט אָן רִירִין בִּיז עֶר וֶועט קוּמֶען אַהֵים אוּן וֶועט מִיט אִיר חַתוּנָה הָאבִּן כְּדָת

און וואס האט די בת קייסער געזאגט צום קעניג וואס האט געבויט פאלאצן אויפן ים? עֶר זָאל אִיר שְׁוֶוערִין אַז עֶר זָאל זִי נִיט אָן רִירִין בִּיז עֶר וֶועט זִי נֶעמֶען כַּדִין

דער בן הסוחר האט געהאט א ווייב? **ניין**

דער קעניג וואס האט געבויט פאלאצן אויפן ים האט געהאט א ווייב? **ניין**

**געווינער אויף די בחינות פון דער מלך און דער קייסער 2 איז הילד הח׳ יודא ווילקאמיר, בית שמש כתה ז**

**געווינער אויף די בחינות פון דער מלך און דער קייסער 3 איז הילד הח׳ נחמן סיימאן, ירושלים כתה ז**

**די מתנה קען מען באקומען ביים משגיח אין חדר ברסלב ר׳ יואל יאראוויטש - ר׳ משה געפנער הי"ו**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# אַ בַּארויבְּטֶע הַתְמָדָה

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז אִין דִי מַעֲשֶׂה אַזוֹי: דִי בַּת קֵייסֶער הָאט צֶעעְפֶנְט דִי לַייוְוינְטְן אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מִיטְן שִׁיף אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי עֶלֶעף פַּאנֶעס, נָאכְן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף זַייעֶנְדִיג טִיף אִינְמִיטְן זֵייעֶר נְסִיעָה הָאט זִי אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר זֵיי אַז דִי שִׁיף אִיז וַוייט פוּנֶעם בָּארְטְן, זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ אִינְמִיטְן יָם. פְּלוּצְלוּנְג הָאבְּן זֵיי בַּאמֶערְקְט אַן אִינְזְל אוּן בַּאשְׁלָאסְן צוּ פָארְן אַהִין. זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ אוּן וָואס זֶעעֶן זֵיי פַאר זֵייעֶרֶע אוֹיגְן? אוֹי וַויי, צְווֶועלְף גַּזְלָנִים וֶועלְכֶע שְׁטֵייעֶן גְרֵייט זֵיי צוּ הַרְגְ'נֶען!

זִי דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט אוּן זָאגְט זֵיי מִיט שְׁטַארְקַייט: "וָואס? אַייךְ זֶענֶען גַּזְלָנִים?! מִיר זֶענֶען אוֹיךְ גַּזְלָנִים! וָואס וֶועט אִיר פַארְדִינֶען אַז אִיר וֶועט אוּנְז הַרְגְ'נֶען, בֶּעסֶער נֶעמְט אוּנְז פַאר וַוייבֶּער. זִי הָאט זֵיי מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט אַ טַייעֶרֶע וַויין וָואס אִיז גֶעהִיטְן גֶעוָוארְן בַּיי אִיר אוּן בַּאלְד דֶערוֹיף וֶוען זֵיי זֶענֶען שִׁכּוֹר גֶעוָוארְן הָאט יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע פוּן דִי פַּאנִים גֶעקוֹילֶעט (גֶעשָׁאכְטְן) אִיר מַאן.

דִי בַּת קֵייסֶער אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ קְלוּגֶע, זִי הָאט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי שְׁטֵייעֶן אֵיין סְקוּנְדֶע אַוֶועק פוּן אַ זִיכֶערְן טוֹיט, גַּזְלָנִים זֶענֶען דָאךְ גַּזְלָנִים, זֵיי גְלוּסְטְן צוּ זֶען יֶענֶעמְס פַארְמֶעגְן בַּיי זִיךְ אִין טַאשׁ, וָואס הָאט זִי גֶעטוּן? זִי הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן פַאר זִיךְ אַלֵיין: 'עֶנְק פַארְמָאגְן כֵּלִים?! עֶנְק זֶענֶען בַּאנְדִיטְן?! מִיר פַארְמָאגְן אוֹיךְ כֵּלִים! אוֹיךְ מִיר קֶענֶען זַיין גַּזְלָנִים!' זִי הָאט גֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע כֵּלִים אוּן זִיךְ בַּאנוּצְט דֶערְמִיט זֵיי צוּ אָפְּ'פַּטֶרְ'ן.



דָאס אִיז אַ פָּארְכְטִיגֶע לִמוּד וָואס מִיר דַארְף אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

מִיט אַ מָשָׁל פוּן דִי חַבְרוּתָא יָאסְל מִיט שְׁמִילִי וֶועט מֶען דָאס בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין:

יָאסְל זִיצְט אִין כִּתָּה אִינְאֵיינֶעם מִיט שְׁמִילִי אוּן לֶערְנֶען גֶעשְׁמַאק. דִי וָואךְ אִיז 'חֲזָרָה וָואךְ' אוֹיף פִינְף בְּלַאט גְמָרָא. אַלֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען בְּחַבְרוּתָא, זֵיי אוֹיךְ. מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיס דִי בֶּענְקְלֶעך, עֶפְנְט דִי גְמָרָא, מֶען בְּלֶעטֶערְט, מֶען זוּכְט פוּן וואו אָנְצוּהֵייבְּן אוּן גֶעלוֹיבְּט גָאט מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען.

זֵיי הֵייבְּן אָן לֶערְנֶען אוּן נָאכְן זָאגְן צְוֵויי שׁוּרוֹת דֶערְמַאנְט זִיךְ יָאסְל וָואס הָאט נֶעכְטְן פַּאסִירְט אִין גֶעשֶׁעפְט, עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס פַאר שְׁמִילִי, אוּן שְׁמִילִי צָאלְט אִים גְלַייךְ צוּרִיק מַמָּשׁ אַן עֶנְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג פוּן אַ זֶעקְל וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט נֶעכְטְן צוּם גְנִיזָה קֶעסְטְל...

נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט טַייטְלֶען זֵיי וִוידֶער אִין דִי גְמָרוֹת אוּן הֵייבְּן פְּרִישׁ אָן לֶערְנֶען. סוֹף פוּן חֲזָרָה אִיז יָאסְל אַרוֹיס הַפְסָקָה אוּן טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט גָארְנִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט בַּיי חֲזָרָה, אוּנְז הָאבְּן

המשך אויף זייט 3

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אברהם יעקב בירנהאק הי"ו
לרגל אירוסי בתו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שלמה מאזעס הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מרדכי דוד שיף הי"ו
לרגל אירוסי בתו למזל טוב